Memorial Sloan Kettering Cancer Center

PATIENT & CAREGIVER EDUCATION

# אָפֿט געפֿרעגטע פֿראַגעס איבער קאָראָנאַ ווירוס (COVID-19)

הגם COVID-19 האָט אָנגעמאַכט שוועריגקייטן, אַרבעטן מיר אַלע אין מעמאָריעל סלאָון קעטערינג (Memorial Sloan Kettering) צוזאַמען כדי אייך צו צושטעלן די בעסטע קענסער קעיר. די אינפֿאָרמאַציע ענטפֿערט איניגע אָפֿט געפֿרעגטע פֿראַגעס וויאַזוי COVID-19 קען אַפֿעקטירן אייך, אייער געזונט און אייער קענסער קעיר.

## פֿאַקטן איבער COVID-19

### וואָס איז דער קאָראָנאַ ווירוס?

עס זענען פֿאַראַן פֿילע טייפּס קאָראָנאַ ווירוסן. דער סאָרט קאָראָנאַ ווירוס וואָס איז אינמיטן דעם היינטיגן אויסברוך אין אַ נייער ווירוס, וואָס הייסט SARS-CoV-2 און וואָס פֿאַראורזאַכט די מחלה COVID-19. די מחלה קען גורם זיין מילדע ביז גאָר שווערע רעספּירעטאָרי (אָטעם) פּראָבלעמען, וואָס קענען זיין ערנסט, באַזונדערס אין עלטערע מענטשן און מענטשן מיט אַנדערע געזונט פּראָבלעמען, אַריינגערעכנט קענסער.

### וויאַזוי פֿאַרשפּרייט זיך COVID-19?

COVID-19 פֿאַרשפּרייט זיך פֿון מענטש צו מענטש דורך טראָפּנדלעך ווען אַ מענטש וואָס האָט עס הוסט אָדער ניסט נאָענט צו אַן אַנדערן מענטש, אַזוי ווי די געוועגליכע פֿאַרקילעכץ אָדער פֿלו פֿאַרשפּרייט זיך..

## וואָס זענען די סימנים פֿון COVID-19?

COVID-19 פֿאַראורזאַכט סימפּטאָמען וואָס זענען ענליך צו פֿאַרקילעכץ אָדער פֿלו. זיי רעכענען מעגליך אַריין פֿיבער, הוסט, אָטעם פּראָבלעמען, ווייטאָגן אין דעם קערפּער, און טשילס. אייניגע מענטשן באַריכטן אויך אַז זיי האָבן פֿאַרלוירן דעם חוש הטעם אָדער חוש הריח, זענען מיד, האָבן קאָפּ ווייטאָגן און שילשול.

## זי זענען פֿאַראַן באַזונדערע זאָרגן פֿאַר מענשטן מיט קענסער?

מענטשן מיט קענסער האָבן אָפֿט אַן אָפּגעשוואַכטע אימיון סיסטעם. אַן אָפּגעשוואַכטע אימיון סיסטעם הייסט אַז עס איז שווערער פֿאַר דעם קערפּער צו באַקעמפֿן קראַנקהייטן. אויב איר האָט קענסער, איז וויכטיג אַז איר און אייערע משפּחה מיטגלידער זאָלן אויפֿמערקזאַם פֿאָלגן שריט כדי זיך צו באַשיצן, בעיקר זיך וואַשן די הענט. מיר רעקאָמענדירן אַז איר זאָלט רעדן מיט אייער העלטקעיר פּראָווײַדער אויב איר זענט באַזאָרגט אַז אייער ריזיקע פֿון COVID-19 איז העכער צוליב אָנגייענדע אָדער פֿאַרגאַנגענע קענסער באַהאַנדלונג.

## וויאַזוי זאָל איך זיך האַלטן אפּ־טו־דעיט מיט די לעצטע אַנטוויקלונגען איבער COVID-19?

קוקט אָפֿט דורך דעם בלאַט פֿאַר די לעצטערע אַפּדעיטס פֿון MSK. איר קענט אויך טרעפֿן ענטפֿערס אויף נאָך אָפֿט געפֿרעגרע פֿראַגעס אָדער לערנען מער דורך באַזוכן די בלעטער פֿון די וועבסײַטס פֿון די צענטערס פֿאַר קראַנקהייט קאָנטראָל און פֿאַרמיידונג (Centers for Disease Control and Prevention) (www.cdc.gov) און דעם ניו יאָרק סיטי דעפּאַרטמענט אַוו העלט און מענטאַל הײַדזשין (New York City Department of Health and Mental Hygiene) (www1.nyc.gov)

# אַריינקומען אין MSK

## וואָס דאַרף איך טאָן אויב איך גיי צו אַן אַפּוינטמענט אין MSK?

### פֿאַר אייער אַפּוינטמענט

- בעפֿאָר אייער באַזוך וועלן מיר אייך בעטן אויסצופילן אַ סקרינינג אַנקעטע וואָס רעכנט אַריין פראַגעס צי איר האָט סיי וועלכע סימפּטאָמען און איבער רייזעס נישט לאַנג צוריק. סקרינינג פֿאַר COVID-19 איז אַ וויכטיגער חלק פֿון פֿאַרמיידן די פֿאַרשפּרייטונג פֿון די מחלה.
- מעסט זיך די טעמפּעראַטור איידער איר קומט צו MSK. אויב איר האָט אַ פֿיבער (טעמפּעראַטור העכער פון 100 גראַדע פאַרענהייט אָדער 38 גראַדע צעלסיוס) אָדער באַקומט סיי וועלכע אַנדערע סימפּטאָמען ווי פּאַרקילעכץ אָדער פלו (הוסט, שווערינקייטן מיט אָטעמען, ווייטאָגן אין דעם קערפּער, טשילס אָדער נייער פאַרלוסט פונעם חוש הטעם אָדער חוש הריח) נאָכדעם וואָס איר האָט אויסגעפילט די סקרינינג אַנקעטע, רופט אייער MSK דאָקטאָר'ס אָפיס איידער איר קומט צו MSK.

### במשך אייער אַפּוינטמענט

- לטובת די זיכערהייט פֿון אונזערע פּאַציענטן און אָנגעשטעלטע, באַגרעניצן מיר די צאָל מענטשן אין אונזערע פֿאַסיליטיס. מיר האָבן פֿאַרלענגערט די צייט צווישן אַפּוינטמענטס, און מיר האָבן רעדוצירט די צאָל באַזוכער און געסט וואָס זענען ערלויבט אין אונזערע לאָקאַלן. אונזער איבערגעקוקטע באַזוכער פּאָליסי גייט אָן פֿאַר אַלע MSK אין־פּאַציענט און אַוט־פּאַציענט לאָקאַלן, אַריינגערעכנט מעמאָריעל שפּיטאָל (Memorial Hospital) און איז אין קראַפֿט ביז

מען וועט אַנדערש מעלדן. מיר פֿאַרשטייען ווי וויכטיג עס איז פֿאַר אייערע נאָענטע צו נעמען אָנטייל אין אייער קעיר, און מיר האָבן אַ ווירטועלע באַזוכער פּראָגראַם כדי אַרייַנצוברענגען אייערע נאָענטע אין אייער באַזוך נוצנדיג די טעכנאָלאָגיע אין אונזערע באַהאַנדלונג זאָנעס אָדער אויף אייער אייגענע געצייג. אויב איר האָט נישט קיין פֿאָן אָדער קיין אַנדערע געצייג, וועלן מיר אייך צופֿרידענערהייט אויסבאָרגן אַ געצייג צו נוצן במשך דעם אַפּוינטמענט.

- ווען איר קומט אַריין אין MSK, פֿאָלגט סיי וועלכע ספּעציעלע אינסטרוקציעס וואָס אייער העלטקעיר מאַנשאַפֿט גיט אייך. אונזער אַן אָנגעשטעלטער וועט אייך געבן אַ מאַסקע. ביטע טראָגט יענע מאַסקע די גאַנצע צייט. איר וועט זען אַז אונזערע אָנגעשטעלטע טראָגן אויך מאַסקעס און איר וועט אפֿשר זען מענטשן וואָס האָבן אַנדערע באַשיצנדע אויסשטאַטונג אויך, אַזוויי פּנים שילדן.

נאָך אייער אַפּוינטמענט

- ווען אייער אַפּוינטמענט האָט זיך פֿאַרענדיגט, קענט איר אויסקלייבן זיך זעלבסט אַרויסטשעקן ביים אַרויסגיין אָדער איר קענט אונז בעטן מיר זאָלן אייך קאָנטאַקטירן צו באַשטימען קומענדיגע אַפּוינטמענטס.

## וואָס טוט MSK צו באַשיצן פּאַציענטן און אָנגעשטעלטע?

מיר האָבן איינגעפֿירט די שטרענגסטע זיכערהייט מאַסנאַמען צו מאַכן זיכער אַז איר זאָלט ווייטער באַקומען די וועלט-קלאַס קענסער קעיר וואָס איר ערוואַרט פֿון אונז אין די זיכערסטע ענווייראָנמענט וואָס איז נאָר מעגליך. די מאַסנאַמען שליסן איין:

- **פּאַציענט סקרינינגס**: מיר סקרינען אַלע פּאַציענטן אַ טאָג פֿאַר

דעם באַשטימטן באַזוך אין MSK. סקרינינגס ווערן דורכגעפֿירט דורך אַ טעלעפֿאָן רוף, טעקסט מעסעדזש אָדער MyMSK, אונזער פּאַציענט פּאָרטעל.

- **באַגרעניצטער קאָנטאַקט**: מיר זעצן פֿאָר צו פֿאָלגן סאָשעל דיסטענסינג אָנווײַזונגען און באַגרעניצן די צאָל מענטשן וואָס קענען אַרײַנקומען אין אונזערע פֿאַסיליטיס. מיר האָבן פֿאַרלענגערט די צײַט צווישן פּאַציענט באַזוכן און מיר האָבן היפּש רעדוצירט די צאָל באַזוכער אין אונזערע לאָקאַלן.
- **טשעק־אין אינדרויסן:** כדי איר זאָלט נישט דאַרפֿן וואַרטן אין אונזערע וואַרט צימערן ווען נאָר מעגליך, האָבן מיר נײַע טשעק־אין פּראָצעדורן וואָס איר קענט טאָן פֿון אײַער קאַר אָדער פֿון די אַרײַנגאַנגען אין אונזערע געבײַדעס.
- **זויבערע און פֿאַרזיכערטע פּלאַץ**: מיר האָבן נאָכמער פֿאַרבעסערט אונזערע קלינינג אָנשטרענגונגען צו דיסינפֿיצירן און סאַניטיזירן אַלע עפֿענטליכע זאָנעס און די וואָס מען באַרירט אָפֿט. מיר פֿאָדערן אויך אַז אַלע פּאַציענטן און אָנגעשטעלטע מוזן טראָגן מאַסקעס די גאַנצע צײַט, וועלכע מיר שטעלן צו פֿאַר יעדן אײנעם וואָס קומט אַרײַן אין אונזערע אַנשטאַלטן און וואָס האָט נישט קײן מאַסקע. אײניגע אָנגעשטעלטע טראָגן אויך הענטשקעס, כאַלאַטן, פּנים שילדן און אַנדערע אויסשטאַטונג פֿאַר אײַער באַשיצונג.
- קאָ**נטראָלירן די געזונט פֿון אָנגעשטעלטע**: אַלע אָנגעשטעלטע ווערן געסקרינט פֿאַר סײ וועלכע סימנים פֿון די מחלה און פֿירן אויס טעגליכע געזונט טשעקס אײדער זײ מעלדן זיך אויף די אַרבעט.
- **טעסטינג**: אונזער COVID-19 טעסטינג אָפּערירט פֿולשטענדיג, וואָס

ערמעגליכט אונז צו טעסטן פּאַציענטן און אָנגעשטעלטע אַזוי אָפּט ווי מען דאַרף. מיר קענען אויך באַשטעלן אַנטיבאָדי טעסטינג צו אידענטיפֿיצירן פֿריערדיגע אינפֿעקציעס אין פּאַציענטן און אָנגעשטעלטע.

- **ווירטועל עקספּרעס אַרויסטשעקן**:אויב איר ווילט נישט באַשטימען אייער קומענדיגע אַפּוינטמענט ביים אַרויסגיין, לאָזט אונז וויסן און מיר וועלן זיך פֿאַרבינדן מיט אייך בנוגע סיי וועלכע קומענדיגע אַפּוינטמענטס.

## טוט MSK אָנבאָטן טעלעמעדיצין (טעלעבאַזוכן) פֿאַר פּאַציענטן אַלס אַן אַלטערנאַטיוו צו פּערזענליכע באַזוכן?

יאָ, MSK טוט אָנבאָטן טעלעמעדיצין, וואָס הייסט טעלעבאַזוכן. אַ טעלעבאַזוך איז ווען אייער העלטקעיר פּראָוויידער נוצט אַ קאָמפּיוטער, סמאַרטפֿאָן אָדער טעבלעט צו זען אייך און רעדן מיט אייך. פֿרעגט ביי אייער העלטקעיר פּראָוויידער צי אַ טעלעבאַזוך איז אַ מעגליכקייט פֿאַר אייך.

## זענען MSK לאָקאַלן אָפֿן?

יאָ, אונזערע אין־פּאַציענט און אָוט־פּאַציענט קלינישע לאָקאַלן בלייבן אָפֿן, און אונזערע העלטקעיר מאַנשאַפֿטן שטייען גרייט אייך צוצושטעלן די קעיר און באַהאַנדלונג וואָס איר דאַרפֿט. מיר באָטן אָן אַפּוינטמענטס פֿאַר נייע און עקזיסטירנדע פּאַציענטן. איר קענט באַשטימען אַ פּערזענליכע אַפּוינטמענט, אָדער אויב איר קענט נישט אָדער ווילט נישט אַריינקומען פֿאַר אַן אַפּוינטמענט, קענט איר פֿאַרלאַנגען אַ טעלעמעדיצין אַפּוינטמענט, וואו איר קענט רעדן מיט אונז באַקוועם פֿונדערהיים.

כדי ווײַטער צו צושטעלן פֿאַרזיכערטע און אויסגעצייכנטע קעיר פֿאַר אײַך, זענען מיר צײַטווײַליג אריבערגעגאַנגען צו טעלעמעדיצין אַפּוינטמענטס אָדער רעדוצירט די שעה׳ען פֿון אײניגע פֿון אונזערע פֿאַסיליטיס:

- בענדהײם אינטעגראַטיווע מעדיצין צענטער (Bendheim Integrative Medicine Center) (אָפֿן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג פֿאַר אײניגע סערוויסעס)
- טשאַרלס האַלאַק פּאַציענט פֿאַרווײַלונג צענטער (Charles Hallac Patient Recreation Center) (אינערהאַלב מעמאָריעל שפּיטאָל)
- סילערמאַן צענטער פֿאַר רעהאַביליטאַציע (איבערגעצויגן אין דעם ראָקפֿעלער אַוט־פּאַציענט פּאַוויליאָן (Rockefeller Outpatient Pavilion) בײַ 53טע סטריט און דעם דײוויד ה. קאָך צענטער פֿאַר קענסער קעיר (David H. Koch Center for Cancer Care) בײַ מעמאָריעל סלאָון קעטערינג קענסער צענטער)
- MSK ראַלף לאָורען צענטער (Ralph Lauren Center) איז אָפֿן מאָנטאָג ביז פֿרײַטאָג
- MSK קאַונסעלינג צענטער (אָפן דרײַ טעג אַ וואָך, בלויז מיט אַן אַפּוינטמענט). מערערע פּערזענליכע באַזוכן זענען איבערגעפירט געוואָרן צו מערערע אַוט־פּאַציענט לאָקאַלן.)

די סערוויסעס וואָס מיר שטעלן געווענליך צו בײַ די לאָקאַלן גײען אָן בײַ אַנדערע לאָקאַלן און דורך טעלעבאַזוכן.

## צי וועט MSK קענסלען סײַ וועלכע אַפּוינטמענטס?

MSK איז אָפֿן און שטײט גרייט זיך צו זאָרגן פֿאַר אײַך. אויב מיר דאַרפֿן

טווישן איינע פֿון אייערע אַפּוינטמענטס לטובת אייער זיכערהייט, וועט אַ מיטגליד פֿון אייער העלטקעיר מאַנשאַפֿט אייך רופֿן.

מיר פֿאַרשטיין אַז עס קען זײַן אַ סטרעס פֿאַר אייך אויב איַיער באַזוך, באַהאַנדלונג, פּראָצעדור אָדער אָפּעראַציע ווערן געטווישט. איר זאָלט וויסן אַז די באַשלוסן ווערן געמאַכט דורך אייער דאָקטאָר צוזאַמען מיט די איבעריגע מיטגלידער פֿון אייער העלטקעיר מאַנשאַפֿט נאָכדעם אַז זיי האָבן אויפֿמערקזאַם איבערגעקוקט אייערע מעדיצינישע קעיר און געברויכן. מיר וועלן באַשטימען אַ נייע אַפּוינטמענט פֿאַר אייך ווען אייער העלטקעיר מאַנשאַפֿט האַלט אַז עס איז נישט קיין סכנה פֿאַר אייך.

אויב איר האָט פֿראַגעס אָדער זאָרגן איבער אייער קומענדיגע אַפּוינטמענט אָדער איבער קומען אין MSK, ביטע פֿאַרבינדט זיך מיט אייער העלטקעיר מאַנשאַפֿט.

### צי נעמט MSK אָן נייע פּאַציענטן?

יאָ, MSK נעמט ווייטער אָן נייע פּאַציענטן.

### וויאַזוי קען איך מאַכן אַן אַפּוינטמענט אין MSK?

איר קענט פֿאַרלאַנגען אַן אַפּוינטמענט דורך רופֿן אייער MSK דאָקטאָר׳ס אָפּיס, רופֿן אונזער Patient Access Service אויף 800-525-2225 אָדער דורך באַזוכן אונז אָנליין. פֿאַר אויסלענדישע פּאַציענטן, ביטע רופֿט 212-639-4900. אויב איר האָט פֿראַגעס איבער אַ קומענדיגע אַפּוינטמענט אָדער אויב אייער אַפּוינטמענט איז אָפּגערוקט געוואָרן, ביטע רופֿט אייער MSK דאָקטער׳ס אָפּיס פֿאַר מער אינפֿאָרמאַציע אָדער צו טווישן אייער אַפּוינטמענט אויב עס פֿעלט זיך אויס.

## פֿאַר משפּחה, פֿרײַנד און קעירגעבערס

### צי ערלויבט MSK באַזוכער?

כדי אײך צו באַשיצן רעדוצירן מיר יעצט די צאָל באַזוכער אָדער געסט פֿאַר אונזערע פּאַציענטן. זעט אונזער באַזוכער פּאָליסי פֿאַר מער אינפֿאָרמאַציע.

מיר פֿאַרשטײען ווי וויכטיג עס איז אַז אײערע נאָענטע זאָלן אָנטײל נעמען אין אײער קעיר, און מיר האָבן אַ ווירטועלע באַזוכער פּראָגראַם כדי אײך צו העלפֿן שטײן אין פֿאַרבינדונג מיט זײ נוצנדיק טעכנאָלאָגיע. אויב איר האָט נישט קײן פּאָן אָדער קײן אַנדערע געצײַג, וועלן מיר אײך אויסבאָרגן אַ געצײַג צו נוצן בשעת איז זענט אין MSK.

### וויאַזוי קענען מײַנע משפּחה מיטגלידער און פֿרײַנד זיך פֿאַרבינדן מיט מיר אויב זײ זענען נישט ערלויבט צו באַזוכן?

אײערע משפּחה מיטגלידער און פֿרײַנד קענען זיך פֿאַרבינדן מיט אײך דורך אַ טעלעפֿאָן רוף, טעקסט מעסעדזש אָדער ווידעאָ-שמועס ווען עס איז באַקוועם פֿאַר אײך. צי איר זענט האָספּיטאַליזירט געוואָרן אָדער איר זענט געקומען צו אַן אַוט־פּאַציענט אַפּוינטמענט, האָבן מיר טעבלעטס און אַנדערע געצײַגן וואָס איר מעגט נוצן כדי שטײן אין פֿאַרבינדונג מיט אײערע נאָענטע בעת איר ווערט באַהאַנדלט. במשך אײער אַוט־פּאַציענט אַפּוינטמענט קענען מיר אײך העלפֿן נוצנדיג טעכנאָלאָגיע אין אונזערע באַהאַנדלונג זאָנעס אָדער אויף אײער אײגענע געצײַג. האָט איר נאָך נישט אויספּרובירט קײן ווידעאָ־שמועסן? מיר וועלן אײך העלפֿן זיך צו לערנען וויאַזוי צו נוצן עפּס אויף אײער טעלעפֿאָן אָדער טעבלעט.

### וואו קען איך טרעפֿן חיזוק אויב איך האָב אַ משפּחה מיטגליד אָדער אַ פֿרײַנד מיט COVID-19 אין MSK?

אויב איר זאָרגט זיך פֿאַר אַ קראַנקן מיט COVID-19, האָבן מיר פֿילע רעסורסן אייך צו העלפֿן. איר קענט טרעפֿן חיזוק דורך אַ ווירטועלע גרופּע ספּעציעל פֿאַר קעיר געבערס אָדער זיך פֿאַרבינדן מיט אַנדערע קעיר געבערס דורך אונזער קעיר געבער חיזוק פּראָגראַם. אויב איר געפֿינט זיך אין אַ סיטואַציע ווען איר העלפֿט אַ פֿריינד אָדער אַ משפּחה מיטגליד זיך אויסלהיילן פֿון COVID-19, האָבן מיר לערן רעסורסן אייך צו העלפֿן מיט זייער מעדיצינישע קעיר, ווי אויך זיך אַן עצה געבן מיט דעם סטרעס וואָס איר קענט מעגליך שפּירן.

## חיזוק און רעסורסן פֿאַר MSK פּאַציענטן

### צי זענען דאָ רעסורסן אין MSK צו העלפֿן מיר זיך אַן עצה געבן מיטן סטרעס פֿון COVID-19?

עס איז גאַנץ נאָרמאַל צו זיין אָנגעצויגן, אומעטיג אָדער באַזאָרגט צוליב COVID-19, בפֿרט ווען איר זענט קראַנק אָדער עמיצער וועם איר האָט ליב איז קראַנק. עס זענען דאָ אסך זאַכן וואָס איר קענט טאָן צו געבן אַכטונג אויף זיך אַליין און זיך אַן עצה געבן מיט סטרעס, אַריינגערעכנט שטיין אין פֿאַרבינדונג מיט די משפּחה און פֿריינד, אויספּרובירן אָפּשפּאַנונג טעכניקעס, אָנפּאַנגען אַ האָבי, און נעמען אַן איבעררייס פֿון די נייעס. MSK האָט פֿאַרשידענע רעסורסן אייך צו העלפֿן זיך אַן עצה געבן מיט די שווערע סיטואַציע. לערנט זיך מער איבער וויאַזוי זיך אַן עצה געבן מיט סטרעס און אומרואיגקייט.

מיר האָבן געשאַפֿן נייע פּראָגראַמען און געטוישט עקזיסטירנדע פּראָגראַמען כדי נאָכצוקומען אייערע געברויכן במשך די שווערע צייט. באַזוכט ווירטועלע פּראָגראַמען פֿאַר אַ ליסטע פֿון אונזערע אָנליין לערן און חיזוק פּראָגראַמען וואָס ווערן אָנגעפֿירט דורך אונזערע סאָשעל

אַרבעטערס, דיַעטישאַנס און ספּעציאַליסטן. איר קענט אויך טרעפֿן מעדיטאַציע, גײדעד אימעדזשרי, באַוועגונג און אַנדערע קלאַסן אָנגעבאָטן דורך אונזער אינטעגראַטיווע מעדיצין סערוויס. אויב איר ליגט אין שפּיטאָל, קענט איר אויספּרובירן אײניגע פֿון אונזערע עצות צו בלײַבן רואיג און פֿאַרבונדן אָדער דורכקוקן אַ לײברערי פֿון באַרואיגנדע ווידעאָס און מעדיטאַציעס אויף די אינטעראַקטיווע טעלעוויזיע סקרינס אין אונזערע אין־פּאַציענט צימערן.

### איך האָב פֿינאַנציעלע שוועריגקײטן צוליב **COVID-19**. צי זענען דאָ סײ וועלכע רעסורסן צו העלפֿן מיט מײַנע מעדיצינישע קאָסטן?

מיר פֿאַרשטײען אַז פֿילע מענטשן האָבן פֿינאַנציעלע שוועריגקײטן צוליב COVID-19. מיר זענען פֿאָר אָנצופֿירן מיט די Food to Overcome Outcome Disparities פּראָגראַם, וואָס שטעלט צו עסנוואַרג פֿאַר נויט־באַדערפֿנדע פּאַציענטן דורך אַהײמברענגען גראָסעריס און אָנבאָטן קערבסײד אויפּפּיקן פֿאַר די וואָס קומען אין MSK פֿאַר אַן אַפּוינטמענט. אונזער פּאַציענט בילינג סערוויסעס מאַנשאַפֿט שטײט אויך גרײט אײך צו העלפֿן. ביטע רופֿט אונז אויף 646-227-3378 צו לערנען איבער פֿינאַנציעלע הילף אָפּציעס. פֿאַר אויסלענדישע פּאַציענטן, ביטע רופֿט 212-639-4900.

## COVID-19 סקרינינג און פֿאַרמײדונג

### וויאַזוי אונטערזוכט MSK פּאַציענטן?

מיר אונטערזוכן אַלע פּאַציענטן פֿאַר COVID-19 סימפּטאָמען און פֿרעגן זײ איבער סײ וועלכע רײזעס נישט לאַנג צוריק אײדער זײ קומען אַרײַן אין סײ וועלכע MSK פֿאַסיליטי. אויב איר האָט סימפּטאָמען ווי פֿאַרקילעכץ אָדער פֿלו (פֿיבער, הוסט, שוועריגקײטן מיט אָטעמען, ווײטאָגן אין דעם קערפּער, טשילס אָדער נײער פֿאַרלוסט פֿונעם חוש

הטעם אָדער חוש הריח), רופֿט אייער MSK דאָקטאָר'ס אָפֿיס איידער איר קומט אין MSK, אַפֿילו אויב איר האָט אַן אַפּוינטמענט.

**וויאַזוי קען איך זיך באַשיצן פֿון כאַפּן COVID-19?**

איר קענט זיך באַשיצן פֿון COVID-19 אויף דעם זעלבן אופֿן ווי פֿון אַנדערע רעספּירעטאָרי אינפֿעקציעס, אַזוויי געווענליכע פֿאַרקילעכץ אָדער פֿלו.

- וואַשט זיך אָפֿט די הענט, במשך כאָטש 20 סעקונדעס מיט זייף און וואַסער, אָדער נוצט אַלקאָהאָל־באַזירטע האַנט סאַניטייזער.
- רירט זיך נישט אָן די אויגן, נאָז אָדער מויל מיט נישט געוואַשענע הענט.
- דיזינפֿיצירט ערטער וואָס איר רירט אָפֿט אָן. דאָס רעכנט אַריין טישן, טיר הענטלעך, לייט סוויטשעס, קאַונטערטאָפּס, הענטלעך, דעסקס, פֿאָונס, קיבאָורדס, טוילעטס, קראַנען און סינקס. די ענווייראָנמענטעל באַשיצונג אַגענטור (Environmental Protection Agency) האָט צוזאַמענגעשטעלט די ליסטע פֿון דיזינפֿיצירנדע פּראָדוקטן וואָס זענען באַוואוסט אַלס ווירקזאַם קעגן קאָראָנאַ ווירוס.
- בלייבט אינדערהיים אַזוי ווייט ווי מעגליך. אויב איר גייט אַרויס, האַלט אָן אַ זיכערע דיסטאַנץ פֿון כאָטש 6 פֿוס פֿון אַנדערע מענטשן און טראָגט אַ שטאָפֿענע פּנים צודעק אַזוויי אַ טיכל אין עפֿענטליכע ערטער וואו עס איז שווער אָנצוהאַלטן אַ זיכערע דיסטאַנץ (אַזוויי גראָסערי סטאָרס און פֿאַרמאַסיס).

## COVID-19 טעסטינג און באַהאַנדלונג

## קען מען מיך טעסטן פֿאַר **COVID-19** אין **MSK?**

מיר אונטערזוכן אַלע פּאַציענטן פֿאַר סימפּטאָמען פֿון COVID-19 און טעסטן זיי ווי עס פֿעלט זיך אויס. MSK טוט נישט אָנבאָטן קיין טעסטינג פֿאַר'ן ציבור.

## איך האָב באַמערקט אַז עס שטייט אין מיין פּאַציענט רעקאָרד אַז 'קאָראָנאַ ווירוס' איז אויפֿגעדעקט געוואָרן אין מיינע לעב טעסטס. הייסט עס אַז איך קען מעגליך האָבן **COVID-19?**

ניין, עס הייסט דאָס נישט. די רוטין טעסטס וואָס מען מאַכט אין MSK טעסטירן בלויז פֿאַר די טייפּס קאָראָנאַ ווירוס וואָס עקזיסטירן שוין אַ לאַנגע צייט, אַזוויי די טייפּס וואָס זענען גורם די געווענליכע פֿאַרקילעכץ. אויב איר זענט געטעסטעט געוואָרן פֿאַר COVID-19 אין MSK, וועלן אייערע רעזולטאַטן זיך ווייזן באַזונדערס אַלס COVID-19.

## וויאַזוי ווערט מען געטעסטעט פֿאַר **COVID-19?**

דער מערסט פֿאַרשפּרייטער אופֿן דורכצופֿירן דעם טעסט איז ווען אַ העלטקעיר פּראָווײַדער שלטעט אײַך אַריין אַ סוואַב אין די נאָז צו קריגן אַ סעמפּל פֿון דעם הינטערשטן חלק פֿון די נאָז און גאָרגל.

## אויב איך קריג **COVID-19**, וועט מען מיך שיקן אין אַן אַנדערע שפּיטאָל באַהאַנדלט צו ווערן?

ניין. אויב איר קריגט קענסער באַהאַנדלונג אין MSK, וועט מען אייך נישט שיקן אין קיין אַנדערן שפּיטאָל אויב איר ווערט קראַנק מיט COVID-19. אויב איר דאַרפֿט האָספּיטאַליזירט ווערן, האָבן מיר ספּעציעלע יוניטס צו באַהאַנדלען מענטשן מיט COVID-19. אויב איר האָט COVID-19 און פֿילט זיך גענוג גוט צו בלײַבן אינדערהיים, וועלן די העלטקעיר פּראָווײַדערס פֿון אונזער COVID-19 פֿאַרוואַלטונג פּראָגראַם (COVID-19 Management Program) זיך זאָרגן פֿאַר אייך.

**וואָס דאַרף איך וויסן פֿון COVID-19 אַלס אַ קענסער איבערלעבער?**

קענסער און קענסער באַהאַנדלונג קענען אָפּשוואַכן די אימון סיסטעם, אָבער ווען באַהאַנדלונג ענדיגט זיך, ווערט די אימון סיסטעם פֿון רוב מענטשן ווידער געזונט. דער גרעסטער ריזיקע פֿאַקטאָר פֿון קריגן COVID-19 איז ווערן אויסגעשטעלט צום ווירוס, דעריבער די מערסט עפֿעקטיווע זאַך וואָס איר קענט טאָן אַלס אַ קענסער איבערלעבער איז צו פֿאָלגן CDC אָנווייזונגען, אַזוויי סאָשעל דיסטענסינג און זיך וואַשן די הענט גאָט גוט. אויב איר זענט באַזאָרגט אַז אייער ריזיקע פֿון COVID-19 איז העכער צוליב פֿאַרגאַנגענע קענסער באַהאַנדלונג, רעדט מיט אייער העלטקעיר פּראָווײַדער.

For more resources, visit www.mskcc.org/pe to search our .virtual library


All rights owned and reserved by Memorial Sloan Kettering Cancer Center